בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' ואתחנן
שנה ג'

# כיבוד אב ואם איז די ערשטע טרעפ

## חלק א': מכבד זיין די עלטערן

### איינע פון די עיקר יסודות

אין מסכת קידושין (לא, א) פרעגט די גמרא זייער א וויכטיגע שאלה וואס איז נוגע פאר אונז אלע דא, עד היכן כיבוד אב ואם - ביז ווי ווייט גייט די מצוה פון כיבוד אב ואם. און ס'איז א וויכטיגע שאלה, ווייל ווען מיר ליינען די עשרת הדברות אין דער וואכעדיגער פרשה, זעען מיר אז ס'איז נומער פינף אויף דער ליסטע. דאס ווייזט אז ס'איז איינע פון די עיקר יסודות פון דער תורה. דעריבער וועלן מיר זיך צוהערן צו די ווערטער פון חז"ל כדי צו פארשטיין עד היכן - ווי ווייט דארף אן ערליכער איד זיך אנשטרענגען צו ערפילן די מצוה פון מכבד זיין זיין טאטע און מאמע.

די גמרא פארציילט, צאו וראו מה עשה גוי אחד באשקלון ודמא בן נתינה שמו - גיי קוק וואס א געוויסער גוי האט געטון אין אשקלון, און זיין נאמען איז געווען דמא בן נתינה. וואס האט ער געטון? איינמאל האבן די חכמים געדארפט א געוויסן זעלטענעם שטיין פאר'ן חושן פון כהן גדול, און זענען אנגעקומען צום שטוב פון דמא בן נתינה, א גוי וואס האט געהאנדלט מיט איידל שטיינער. זיי האבן אים אנגעבאטן א הון רב פאר די שטיינער וואס זיי האבן געזוכט.

די גמרא זאגט אז ער וואלט ווען געמאכט א ריווח פון זעקס הונדערט טויזנט גאלדענע דינרים! דאס איז איין דעה. א צווייטע דעה זאגט אז ס'איז געווען א ריווח פון אכט הונדערט טויזנט גאלדענע רענדלעך. ווען זיי האבן אים אנגעבאטן דאס געלט, איז ער גלייך אריין צום צווייטן צימער וואו ער האט געהאלטן די שליסלעך פון זיין קעסטל פון די אוצרות. פאר דעם געלט וויל ער ענדיגן דאס געשעפט תיכף ומיד.

און ער טרעפט זיין טאטע אין א טיפן שלאף מיט די שליסלעך אונטער זיין קישן.

האט ער דעם געטאפט זיין טאטן אויפ'ן אקסל זאגנדיג, "טאטי, שטיי אויף. איך דארף די שליסלעך עמערדשענסי"?! ניין, ניין, ער האט דאס נישט געטון. די גמרא זאגט אז דמא בן נתינה איז ארויס פון צימער אויף זיינע שפיץ פינגער צו די חכמים וואס האבן דארט

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

געווארט אויף אים מיט די אנגעפילטע זעק מיט געלט און זיי געזאגט, "איך בעט אנטשולדיגונג. איך קען נישט טון קיין ביזנעס מיט ענק." ער האט נישט געוואוסט ווילאנג זיין טאטע וועט שלאפן דארט און ער וועט אים בשום אופן נישט שטערן. די חכמים זענען געגאנגען זוכן א קונה ערגעץ אנדערש.

דאס איז געווען א שאדן פון אן אסטראנאמישן סומע געלט. ס'איז געווען א גוטע געשעפט וואס דמא בן נתינה האט אוועקגעגעבן פאר כיבוד אב ואם.

קיינער דארף זיך אבער נישט זארגן פאר אים. די גמרא זאגט אונז אז השי"ת האט אים באצאלט, אינעם קומענדיגן יאר האט זיין קו געבוירן א פערפעקטן רויטע קו, א פרה אדומה תמימה! דאס איז ווערד א פארמעגן מיט געלט.

דאסמאל, ווען די חכמים זענען געקומען, איז זיין טאטע נישט געשלאפן אויף דער רויטער קו! דמא האט זיי פארקויפט די פרה אדומה און אפגעמאכט דעם פריערדיגן פארלוסט נאך מיט פראצענט. ער האט גארנישט דערלייגט! השי"ת האט געמאכט זיכער.

## זיך לערנען פון גרויסע לייט.

ס'איז א מערקווירדיגע גמרא. א מעשה פון א... גוי, אבער פאר אונז שטעלט זיך א גרויסע קשיא. ווען מיר ווילן לערנען די תורה פון כיבוד אב ואם, דארפן מיר גיין צו די גויים? האבן מיר דען נישט אונזערע אייגענע גרויסע לייט וואס האבן ערפילט די מצוה?

אין גמרא אין קידושין ווערט אויך געברענגט אנדערע מעשיות. ס'שטייט אז רבי טרפון האט געהאט אן עלטערע מאמע וואס האט נישט געקענט אליין ארויפגיין אויף איר בעט. פלעגט זיך רבי טרפון אראפבייגן אז זי זאל טרעטן אויף זיין רוקן. ער האט איר נישט געברענגט א קליין בענקלע אויף וואס צו טרעטן, נאר ער האט זיך אראפגעבויגן ווי א בענקעלע, און ווען זי איז ארויס פון בעט, האט ער געטון דאס זעלבע.

תוספות ברענגט דארט נאך א מעשה פון רבי טרפון. איינמאל האט זיין מאמע איבערגעלאזט אירע שיך ערגעץ אינדרויסן און זי האט געוואלט אליין ארויסגיין זיי אויפזוכן. רבי טרפון האט איר באגלייט לייגנדיג זיינע הענט אונטער אירע פיס אז זי זאל זיך נישט צעשטעכן פון די דערנער.

זענען מיר דא אז מיר האבן אייגענע מעשיות. פארוואס דארפן מיר נעמען א ראיה פון א גוי כדי צו ווערן אינספירירט. פארוואס דארפן מיר זוכן אינדרויסן? וואו נאך טרעפן מיר אז די תורה ברענגט א ראיה פון גויים ווי אזוי מקיים צו זיין א מצוה?

## ס'איז ערווארטעט פון יעדן בר דעת

דעריבער הייבן מיר אן צו פארשטיין אז די מצוה פון כיבוד אב ואם איז נישט אן ענין פון דער תורה. יא, ס'שטייט ארויסגעשריבן אין דער תורה, און נישט נאר אין דער תורה, נאר אין די עשרת הדיברות, אבער דאך איז עס אן ענין פון מענטשליכער נאטור. ס'איז ערווארטעט פון יעדן שכל'דיגן בר דעת צו האבן אזא רעאקציע! הכרת הטוב! אפילו א גוי זאל וויסן וואס דאס מיינט! נאר פאר א פּוֹשֵׁעַ וואס זיין נשמה איז אזוי פארשטעלט מיט שיכטן אז ער אנערקענט

שוין נישט דאס גוטס וואס זיינע עלטערן האבן אלץ געטון פאר אים וואלט נישט געווען פארשטענדליך אזא זאך.

אפילו אויב אונזערע עלטערן וואלטן גארנישט געטון צו אונז, נאר אונז געברענגט אויף דער וועלט, איז דאס שוין אליין א שמחה. ס׳איז א הנאה צו לעבן! דאס איז א געוואלדיגער אמת! יעדער וועלן מענטשן נישט רעדן דערפון, אבער נאר דער טריקענער פאקט אז דו זיצט און דו אטעמסט איז א גרויסע שמחה. דיין הארץ קלאפט אן אויפהער און דיין בלוט צירקולירט דורך דיינע אדערן. דיינע לונגען עפענען זיך און מאכט זיך צו כסדר. אלעס ארבעט פערפעקט. ס׳איז נישטא קיין גרעסערע גליק ווי לעבן אויף דער וועלט. און אונזערע עלטערן האבן אונז געברענגט דאס גליק.

## לעבן און אזויפיל מער

דעריבער, ווילאנג מיר לעבן, זענען מיר ערווארטעט צו רעאגירן ווי עס באדארף צו זיין, מיט׳ן גרעסטן מאס הכרת הטוב. זאג נישט, ״ווער האט זיי געבעטן מיר צו ברענגען אויף דער וועלט?״ דו זאלסט קיינמאל נישט אריינפאלן אין דער רשעות׳דיגער רעאקציע מיט אזעלכע שאלות. ס׳איז באגרינדעט אויף עגאאיזם, און אויף א שוואכקייט פון טראכטן. כ׳וועל דיר עס איבערצייגן. אויב איינער זאל דיר זאגן אז דו האסט א פאטאלע קרענק ר״ל און א געוויסער דאקטער קען דיך ראטעווען, וואלסטו געלאפן אהין אויף אלע פיר, ווייל דו האסט עכט ליב צו זיין לעבעדיג און די ווילסט הנאה האבן דערפון אזוי לאנג ווי דו קענסט נאר. דעריבער, נאר צוליב דער מתנה פון לעבן וואס דיינע עלטערן האבן דיר געשאנקען ביסטו זיי שולדיג הכרת הטוב און זיי מכבד זיין אן קיין סוף.

אבער דאס איז נאר דער אנהייב. דיינע עלטערן האבן דיר געשפייזט. זיי וואלטן וועןגעקענט זאגן, קוק אהער, מיר האבן דיר געגעבן לעבן. פון דא און ווייטער געב דיך אן עצה. גיי זוך דיך אליין צו עסן. דו קענסט זיך נישט ערלויבן קיין גראסערי? גיי ערגעץ אין לאנד. אפשר וועסטו טרעפן ווילדע פירות צו עסן. ס׳איז דא גראז וואס מען קען עסן. נישט גענוג אז כ׳האב דיר געגעבן לעבן דארף איך דיר נאך אויסהאלטן? אבער דיינע עלטערן האבן דיך נישט פארלאזט אין די וועלדער. זיי האבן דיר געגעבן אלעס וואס דו האסט געוואלט פאר אזויפיל יארן.

הכרת הטוב פאר עלטערן איז אן ענין פון שכל! און די גמרא גייט ווייטער אונז צו לערנען וויפיל שכל מיר דארפן האבן, אפילו צו אן עקסטרעם. דאס מסירת נפש פון דמא בן נתינה איז אריינגעפלאנצט אינעם שכל הנטועה בלב האדם, דער פשוט׳ער שכל וואס א בשר ודם האט נאטורליך. אוודאי דארפסטו פארלירן א הון רב אבי נישט אויפוועקן דיין טאטע. אפילו א גוי׳ס שכל פארשטייט דאס! דאס איז וואס דמא בן נתינה איז געקומען אונז לערנען, אז כבוד פאר עלטערן איז ערווארטעט אפילו וואו עס איז נישט דא קיין תורה.

## למה לי קרא?

די שאלה איז פארוואס האט השי״ת געלייגט אזא פשוט׳ע זאך פון שכל אין דער תורה? פארוואס האט מען עס געדארפט אויסרופן ביי הר סיני מיט אזויפיל פאמפ, ״זיי מכבד דיין טאטע און מאמע,״ למה לי קרא? סברא הוא! - פארוואס דארף איך א פסוק? ס׳איז א פשוט׳ע

סברה! (כתובות כב, א).

דער ענטפער איז אז השי"ת זאגט, שכל איז גוט, אבער איך קען מיך נישט פארלאזן דערויף. איך וויל אז דו זאלסט פארשטיין ווי גרויס איז ענקער אחריות פון הכרת הטוב. דערפאר וועל איך דאס אריינלייגן אין די עשרת הדברות. איך שרייב עס אין די לוחות מיט אצבע אלוקים. איך וויל ענק מודיע זיין אז ס'איז אסאך מער ווי שכל. ס'איז דבר השם!

פלוצלינג איז א נייע מצוה געגעבן געווארן, נישט ווייניגער ווי תפילין לייגן אדער מצות מזוזה. ווען א מענטש הערט אויס זיינע עלטערן וואס בעטן אים צו טון דאס און יענץ, ווערט ער רייך, און די וויכטיגסטע דערגרייכונג - ער ווערט רייך אין מצוות. ווען די מאמע הייסט דיך ארויסטראגן די מיסט, איז דאס א גלענצנדע געלעגנהייט. ס'איז פיל מער ווי דער שכל פון דמא בן נתינה. יעצט איז עס דער דעת פון השי"ת צו וועמען דו הערסט זיך צו. ס'איז א מצוה דאורייתא. אויב איך הייס דיך טון עפעס, איז עס נישט קיין מצוה, אבער אויב דיין טאטע אדער מאמע הייסן דיך עפעס טון, איז עס א געוואלדיגע מצוה.

## א צדיק און אן עובד ה'

דער אמת איז אז היינט, אויב מען טוט נאר א מצוה ווייל דער שכל האט געזאגט, איז שוין א דערגרייכונג. דער המון עם היינט איז אזוי נידריג, אז דער שכל איז פארלוירן געגאנגען. דער ענין פון הכרת הטוב פארלאנגט זיך א גרונטליכן לימוד.

א קינד וואס וואקסט אויף אין א שטוב וואו די עלטערן שפייזן אים און קליידן אים אויס פון אנהייב ביז'ן סוף קריכט אריין אין זיין קאפ עפעס וועגן דאנקבארקייט? ניין. ס'קען זיין אז ער וועט קיינמאל נישט טראכטן דערפון אין זיין לעבן. גאנץ מעגליך אז ער וועט קיינמאל נישט צוריקטראכטן צו זיין דאנקבאר צו זיינע עלטערן אויף דעם וואס זיי האבן געצאלט רענט. איז אים בכלל איינגעפאלן אז אויב ער וואלט ווען נישט עקזיסטירט, וואלט דאס הויז געקענט זיין קלענער און דער רענט ביליגער? אדער אז ס'קאסט גוט געלט צו פיטערן א קינד? ער האט געמיינט אז ער טוט די גרעסטע טובה פאר זיין מאמע אז ער האט אויפגעגעסן. זי האט זיך געבעטן מיט תחנונים אז ער זאל עסן, און ווען ער האט איר נאכגעגעבן, האט ער געשפירט אז ער טוט איר די גרעסטע טובה.

אויב איינער זאל זיך אויפשטעלן און אויסרופן, איך שעץ מיינע עלטערן און איך וועל זיי מכבד זיין; איך שעץ אז זיי האבן מיר געגעבן לעבן, קליידונג, ליבשאפט, א דאך איבער'ן קאפ, וואלט די וועלט אים אנגעקוקט ווי אראפגעפאלן פון די לבנה.

אפשר אמאליגע צייטן האבן מענטשן געהאט שכל. ווען די וועלט האט נישט געהאט צייטונגען און לייען־מאטריאל וואס קארופטירט די מוחות פון די מענטשן, האבן מענטשן געהאט די מעגליכקייט צו טראכטן פאר זיך און צו האבן שכל הישר.

אבער היינט האבן מיר א רואינירטן דור פון פארפעטשעטע קינדער, ערוואקסענע אויך. מענטשן וועלכע זענען אנגעשטאפט מיט גשמיות ווערט זייער כאראקטער רואינירט און זיי פארגעסן דעם פונדאמענטאלן ענין פון הכרת הטוב, און די אומדאנקבארקייט ברענגט קינדער ווידערצושפעניגן. ס'איז פשוט'ע אומדאנקבארקייט! די אמעריקאנער יונגען האבן

טענות צו זייערע עלטערן, "ווער האט דיך געהייסן מיר ברענגען אויף דער וועלט? יעצט דארפסטו מיך אויסהאלטן, מיר קויפן א קאר און געבן געלט פאר אלע מיינע משוגעת'ן און אונטערהאלטונגען." די ערליכע יונגען זאגן עס נישט, אבער זיי טראכטן אויפ'ן זעלבען מהלך. און זייערע עלטערן זענען גענוג נאריש צו פאלגן און נאכגעבן אלע משוגעת'ן, ווייל אפילו די עלטערן האבן נישט קיין שכל היינט.

דעריבער, איינער וואס וועט גיין קעגן דעם שטראם און זאגן, "איך שעץ מיינע עלטערן ווייל איך בין זיי שולדיג מיין לעבן," איז ער שוין א צדיק! אבער אויב ער גייט א טריט ווייטער און ער געדענקט אז השי"ת האט דאס אריינגעשטעלט אין די לוחות, אז ס'איז א פסוק אין די עשרת הדברות, או הא! איז ער שוין אן עובד השם. אנשטאט צו טון פון געוואוינהייט זאגט ער, איך נעם ארויס די מיסט, ווייל איך וויל ערפילן די מצות עשה דאורייתא פון כיבוד אב ואם. דאס איז א פארעם פון עבודת השם.

א מענטש פון אונזער שול גייט איינקויפן פאר זיינע עלטערן אויפ'ן וועג אהיים פון שול. איידער ער גייט אריין צו זייער שטוב אראפצולייגן די זאכן, שטעלט ער זיך אפ ביי דער טיר און ער ציט ארויף א שמייכל אויף זיין פנים צו דערפרייען זיינע עלטערן. ער איז אן עובד השם. ער גרייט זיך צו פון פריער און דערנאך באגריסט ער זיינע עלטערן בסבר פנים יפות. ער רעדט צו זיי אנגענעמע ווערטער ווי א געטרייער זון, און ווען זיי בעטן עפעס פון אים, פארצייכנט ער עס אין זיין ביכעלע און ער ערלעדיגט עס דורכאויס דעם טאג. דאס איז א מענטש א צדיק. ער ווייסט וואס השי"ת ערווארטעט פון אים.

## חלק ב' - אים מכבד זיין

### א באזוך פונעם פרעזידענט

דעריבער זאגן אונז די ספרים אז מיר זאלן מכבד זיין אונזערע עלטערן ווי די העכסט־וויכטיגסטע פערזאנען. דאס איז וואס די ספרים זאגן אונז (חיי אדם סז, ג), די עלטערן זאלן זיין אין דיינע אויגן ווי גדולים ונכבדי ארץ, ווי גרויסע אריסטאקראטן. ווען דיין מאמע קלינגט דיר אן אז זי קומט דיך באזוכן, איז עס ווי דער פירשט פון ווינדסטער קומט דיך באזוכן.

לאמיר זאגן אז דער מעיאר קומט באזוכן ביי דיר אין הויז - היינט איז דער מעיאר נישט אזא חשוב'ער פערזענליכקייט - אבער שטעל דיך פאר אז זייער א וויכטיגער מענטש קומט דיך באזוכן, וועסטו ארויסגיין פון די גלייזן. וועסט אנטון דעם שענסטן אנצוג; וועסט טון אלעס אין דיין מעגליכקייט אים מכבד צו זיין. לאמיר זאגן אז דער פרעזידענט קומט דיך באזוכן, וואלסטו שוין נישט געוואוסט וואס צו טון מיט דיר. וואלסט געקויפט נייע קליידער פאר'ן גאנצן הויזגעזונט. ס'איז נישט קיין שאלה. דו וואלסט אפשר געקויפט אויך נייע מעבל!

זאלסט וויסן אז פאר דיינע עלטערן דארפסטו טון פיל מער. אוודאי ערווארטן זיי עס נישט. ס'איז צו א גרויסע הוצאה צו קויפן נייע מעבל יעדעס מאל וואס דיינע עלטערן באזוכן דיך. דיינע עלטערן וואלטן אויפגעהערט צו קומען צו דיר. זיי וואלטן זיך געשפירט שלעכט פאר דיר, אבער אזוי זאלסטו זיי האלטן. ווען זיי קומען, זאלסטו שפירן אז אזוי וואלסטו ווען געדארפט טון.

## היינט קען מען שוין רעדן

אמאל פלעג איך נישט רעדן איבער דעם ענין, ווייל די מענטשן וועלכע פלעגן זיך צאמקומען האבן ליידער געהאט עלטערן נישט שומרי מצוות. דערפאר האב איך נישט געוואלט צופיל מעורר זיין אויף כיבוד אב ואם, ווייל אויב זיי וואלטן געפאלגט זייערע עלטערן, ווער ווייסט וואס זייערע עלטערן וואלטן זיי געהייסן טון. דעריבער האב איך אנגענומען א שווייגעניש. איך האב קיינמאל נישט גערעדט אויף דעם ענין באריכות. יעצט קען איך ב״ה רעדן אין גרויסן. יעדער האט דא ערליכע עלטערן, שלומי אמוני ישראל. איך קען רעדן מיט זיכערקייט לפי אמיתה של תורה.

אויב דו האסט א פרומען טאטן און מאמע, האסטו אסאך היימארבעט צו טון. ס׳מאכט נישט אויס אויב דיינע עלטערן זענען נישט רייך אדער זענען קיינמאל נישט געווען אויף די העדליינס פון צייטונגען. אפילו וויפיל תורה דיין טאטע האט געלערנט מאכט נישט אויס. אפשר מיינסטו אז דיינע עלטערן זענען נישט אזוי געלערנט ווי דו. ס׳מאכט נישט קיין חילוק! זיי זענען דיינע עלטערן. זיי האבן דיר געברענגט אויף דער וועלט. זיי האבן אלעס געטון פאר דיר. מיר דארפן זיי אנקוקן און שעצן. א פרומער טאטע, א פרומע מאמע איז מער ווי א פירשט, מער ווי א קעניג! אלע כבוד וואס דו קענסט זיי געבן איז וואס דו דארפסט זיי געבן, און ס׳איז נאכאלץ נישט גענוג.

## קעניג פון אלע כבוד

דער חובת הלבבות, שער עבודת אלוקים, זאגט אז איינע פון די תנאים פון א געטרייען עובד השם איז לכבודו לבדו, נאר צו געבן כבוד פאר׳ן אויבערשטן. אלע דיינע געדאנקען זאל זיין געווידמעט צו דעם איין פרינציפ: כבוד שמים! וואס קען איך טון צו הייבן דעם כבוד פון השי״ת אויף דער וועלט. ווי קען איך מאכן אז מענטשן זאלן אנערקענען אז השי״ת איז דער מלך. ווי קען איך מחזק זיין מענטשן אז זיי זאלן געבן גרויסקייט נאר צו אים.

הקדוש ברוך הוא ווערט אנגערופן מלך הכבוד, און דער מסילת ישרים איז מסביר אז אלע כבוד אויף דער וועלט באלאנגט נאר צו השי״ת. צו געבן כבוד פאר סיי וואס אדער סיי וועמען אויסער השי״ת איז א רויבעריי, ווייל נאר ער איז דער מלך הכבוד.

און דאך רעדן מיר דא איבער עפעס וואס זעט אויס ווי א סתירה צו דעם כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ. ס׳איז אויסדריקליך אין די עשרת הדברות פאר ספעציעלער אויפמערקזאמקייט! און נישט נאר מכבד צו זיין, נאר מיר דארפן אינגאנצן ארויס פאר זייערטוועגן. מיר דארפן זיך אומגיין מיט זיי קעניגליך. פרעגן מיר וואס איז געווארן מיט לכבודו לבדו?

## בויען א לייטער

דער חובת הלבבות זאגט אונז אז כבוד אב ואם איז א וויכטיגער חלק פון לכבודו לבדו. ווייל דורך מכבד זיין דיינע עלטערן בויסטו אויף א לייטער און ס׳איז א לייטער וואס ברענגט דיך ארויף צו השי״ת. ס׳איז א סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה - א לייטער וואס שטייט אויף דער ערד, אבער זיין שפיץ קומט אן ביז׳ן הימל.

אבער ווי אזוי קומט מען אן צום שפיץ פון לייטער? דו פליסט נישט. דו ביסט נאכאלץ אויף דער ערד. דער ערשטער טריט איז צו שטעלן דעם ערשטן פוס אויפ׳ן לייטער פון הכרת הטוב. די מידה פון דאנקבארקייט, פון שעצן וואס דו האסט און שפירן א חוב פאר דיינע נדבנים, איז א וועג וואס מוז אויסגעאקערט ווערן אין אונז.

## דער ערשטער טריט

דו הייבסט אן קודם מיט דיינע עלטערן. דו ביסט א קליין קינד יעצט, און דו הייבסט אן צו קלעטערן. דו ברענגסט דעם טאטן א גלאז וואסער. ער איז דארשטיג, אבער דאס איז נישט גענוג. דו טוסט עס נישט מיט א ליידיגן קאפ, נאר דו טראכסט, מה אשיב, ווי אזוי קען איך דיך באצאלן, כל תגמולוהי עלי, פאר אלעס וואס דו האסט געטון צו מיר. כאטש לאמיך דיר ברענגען א גלאז וואסער. דו נעמסט ארויס די מיסט. דו דעקסט טיש אנשטאט דיין מאמע זאל דיר סערווירן.

אין אנהייב איז עס נאר די עלטערן ווען דו ביסט מכבד. דו טראכסט גארנישט מער פון דעם. אבער נאך א ווײַלע ווערסטו מער און מער אינטעליגענט. דו האסט דעם שכל אפילו ווען דו ביסט א קליין אינגל. אלס בחור הייבסטו אן צו טראכטן, מיינע עלטערן זענען אזוי געטריי צו מיר, אבער ווער האט זיי געגעבן דעם שכל מיר ליב צו האבן?

## הארמאנען און אינסטינקטן

ס׳איז א גוטע שאלה. פארוואס וועט א מאמע באשיצן איר בעיבי מיט אזויפיל געטריישאפט. פארוואס גיט זי אוועק איר לעבן צו אירע קינדער? דער ענטפער איז אז ס׳איז א מתנה פון הקדוש ברוך הוא, ער איז דער ריכטיגער מאמע. דאס איז דער ריינער אמת. ס׳איז נאר דער אויבערשטער וואס שטייט אונטער דער פירהאנג. נאך איידער א קינד ווערט געבוירן, גרייט דער אויבערשטער צו אז הארמאנען פון מאמע-ליבשאפט זאלן זיך אנטוויקלען. דאס איז א כעמיקאלישע רעאקציע וואס השי״ת האט איינגעשטעלט אין די מאמען. אפילו קוען האבן ליב זייערע קעלבלעך, אבער א מאמעס ליבשאפט שטייגט ווייט איבער.

אוודאי וועט די מאמע באקומען שכר, ווייל זי נעמט איר אינסטינקט און נוצט עס צום גוטן. זי פארשטיינערט עס נישט אז זי זאל קענען באקומען מער שלאף. זי אנטוויקלט דעם אינסטינקט און ווערט אויסגעארבעט צוליב דעם. זי לעבט אויף איר אינסטינקט צו דינען השי״ת און האדעווען אירע קינדער.

דער טאטע בויט זיך אויף זיינע אינסטינקטן. דער טאטע גייט ארויס אין פעלד איינפלאנצן געוויקסן צו קענען שפייזן זיינע קינדערלעך. ער גייט אריין אין אפיס צו ארבעטן לאנגע שעות אז ער זאל קענען צאלן רענט און שכר לימוד. פארוואס קימערט זיך דיין טאטע איבער דיר? פארוואס וועט א טאטע קויפן שיך פאר זיינע קינדער און נישט פאר די שכנים׳ס?

פארוואס טוט ער דאס אלעס פאר דיר? ווייל ס׳איז דא אן אינסטינקט אין אים וואס דער אויבערשטער האט איינגעפלאנצט ליב צו האבן זיינע קינדער.

אה! ס׳איז דער אויבערשטער וואס האט מחזק געווען מיין טאטע זאל זיך פירן פאטערליך צו מיר!

## די ריכטיגע טאטע און ריכטיגע מאמע

ס'איז נישטא קיין טאטע אדער מאמע אויסער השי"ת. כִּי אָבִי וְאִמִּי עֲזָבוּנִי וַה' יַאַסְפֵנִי. - מיין טאטע און מאמע האבן מיר פארלאזט, אבער דער אויבערשטער האט מיך געשפייזט (תהילים כז, י). מַבְטִיחִי עַל שְׁדֵי אִמִּי - דו האסט מיך פארזיכערט אויף די בריסטן פון מיין מאמען (תהילים כב, י). יעדער איד דארף וויסן אז ס'איז נאר השי"ת וואס איז דער וואס גיט.

אוודאי האבן דיינע עלטערן געטון אלע ארבעט. זיי האבן דיר אפילו געברענגט אויף דער וועלט. זיי זענען אין א געוויס זין אן ענליכקייט, א משל, פונעם בורא. זיי זענען שלוחים פון השי"ת. דערפאר פארלאנגט זיך אזויפיל כבוד פאר זיי. זיי זענען שלוחי דרחמנא נאך אלעם. אבער דער ריכטיגער כיבוד אב ואם איז ווען דו טראכסט פון השי"ת. מיר זאלן קיינמאל נישט פארגעסן דער וואס האט זיי געשיקט אלס שלוחים.

## ליידיגע דיבורים

קומט א אינגל און זאגט, "הרב מיללער האלט אז מכבד זיין עלטערן איז נאר א לייטער צו עבודת השם, אבער ווער דארף א לייטער?" דער אינגל איז גרייט איבערצושפרינגען די טרעפ פונעם לייטער און גיין צו דעם ריכטיגן ביזנעס פון עבודת השם. ניין, זאגט השי"ת. ס'איז גארנישט. ס'איז ליידיגע דיבורים. דאס מיינט אז דו האסט פארפאסט די ריכטיגע נקודה. ס'איז אוממעגליך צו שפירן דאנקבארקייט צו השי"ת אז דו שפירסט נישט דאנקבארקייט צו דיינע עלטערן. דערפאר דארפן מיר א לייטער צו קלעטערן.

דו קענסט נישט ארויפקלעטערן נאר אויב דאס ערשטע טרעפל איז דארט. אויב דאס ערשטע טרעפל איז נישטא, קענסטו נישט גיין צום קומענדיגן. דו הייבסט אן מיט דיינע עלטערן און צוביסלעך גייסטו ארויף העכער און העכער.

דיין מאמע איז דאס ערשטע טרעפל. ווען זי גיט דיר דאס נאכטמאל, זאגסטו איר, "יישר כח מאמע." דערנאך קענסטו שוין טראכטן פון ברכת המזון. דאס איז איין טרעפל העכער. אזוי שטייגט מען איין טרעפל אויפאמאל.

## <u>חלק ג' - מכבד זיין לעולם ועד</u>

## סאיז נאכנישט צו שפעט

יעצט, לאמיר זאגן אז א מענטש האט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט. דער אמת איז, קיינער נוצט נישט אויס די געלעגנהייט וויפיל זיי וואלטן ווען געדארפט. האסטו אמאל געזאגט פאר דיין טאטען, "טאטע, דו ווייסט איך האב דיך ליב"? אויב דו וואלסט געזאגט אזא זאך, וואלט דיין טאטע אראפגעפאלן און גע'חלש'ט. האסט קיינמאל נישט געטראכט פון אזא זאך?! "טאטע, איך האב דיך ליב!" אדער, "טאטע, דו ביסט מיר זייער צום הארצן!" דו טראכסט אפילו קיינמאל נישט דערפון!

ס'איז נאכנישט צו שפעט. ס'זענען דא אזויפיל טרעפלעך צו קלעטערן, אזויפיל געלעגנהייטן וואס דו האסט נאך. איינמאל א מענטש פארשטייט ווי א גרויסע מצוה דאס איז בעצם, און ווי

אזוי דאס איז א שפרינגברעט צו כבוד שמים, וואלט ער געטון אלעס וואס ער קען אויסצונוצן די געלעגנהייטן וואס ער האט נאך.

## שטאכן פון חרטה

מענטשן וועקן זיך אויף ווען זייערע עלטערן זענען מער נישטא, און זיי קוקן אויף צוריק. פארוואס האב איך דאס נישט געזאגט פאר מיינע עלטערן כאטש איינמאל אין לעבן. "מאמי, איך האב דיך ליב." ס'זענען דא ווערטער וואס וואלטן ווען געדארפט געזאגט ווערן, און יעצט איז שוין צו שפעט. אסאך האבן נישט געהאט דעם שכל, אדער האבן נישט דעם שכל, און אפילו די וואס האבן שכל איז עס נישט פולקאם אנטוויקלט.

ווען דער טאטע אדער מאמע גייען פון דער וועלט, קלאגן זיי דערויף. דו האסט נאך עלטערן ביז הונדערט און צוואנציג, אבער אסאך פון אונז ווענלן מער נישט הערן פון זייער טאטען, "חיים דערלאנג מיר דעם סידור." אוי, וואספארא געוואלדיגער זכות דאס איז, א מצוה דאורייתא ווי אנטון תפילין. אבער ס'איז קיינמאל נישט צו שפעט. ס'איז וויכטיג צו וויסן אז ווען דו האסט חרטה, איז עס נאכאלץ א זכות. כ'וועל עס מסביר זיין.

מיר האבן היינט מער נישט קיין בית המקדש. דעריבער מיינען מיר אז ס'איז אן אלטע מעשה. וואס קענען מיר טון? אוודאי זיצן מיר אויף דער ערד אום תשעה באב און מיר וויינען. מיר זענען אביסל טרויעריג, אפשר מער פון אביסל... אבער נאכדעם קומט שבת נחמו און גלייך פארגעסן מיר פון דער גאנצער מעשה. יא, ס'איז געווען א טרויעריגער טאג, אבער יעצט ווענלן מיר ארויפגיין צו דער קאנטרי און זיך פארגיטיגן מיט א פליישיגן מאלצייט, שווימען און וואקאציע. איך קום נישט דא קריטיקירן די מענטשן וואס פארן ארויס. אוודאי זאל מען זיך טרייסטן און זיין פריילין, אבער עס דארף שטענדיג בלייבן דאס געפיל פון צער. "אוי, הלוואי וואלטן מיר ווידער געהאט דעם בית המקדש." טרויערן אויפ'ן בית המקדש איז זייער גרויס אין די אויגן פון השי"ת.

## די דריי גרויסע זאצן

כ'וועל ענק יעצט זאגן עפעס וואס איז זייער טייער. רוב מענטשן פארשטייען עס נישט. יעדן טאג ווען מען ענדיגט שמונה עשרה, איז דא א געוואלדיגע געלעגנהייט ארייננצוכאפן א גרויסע מצוה. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ... וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - באשעפער, בוי שוין אויף דעם בית המקדש און מיר ווענלן דיך דינען דארט מיט פארכט ווי אין די פריערדיגע טעג. זאג עס מיט צער! נישט בלויז מיט כוונה, מיט פירוש המילות, נאר זאג עס מיט ווייטאג! "עס טוט מיר לייד אז מיר האבן מער נישט קיין בית המקדש."

די דריי זאצן ביים סוף פון שמונה עשרה איז א געלעגנהייט. פארפאטשקע עס נישט. ווען דו טרעטסט אויס די דריי טריט, ווארט נישט אויפ'ן חזן צו זאגן קדושה. נעם דיין צייט עס צו זאגן מיט געפיל! "אה, הקדוש ברוך הוא, אויב מיר וואלטן דאס נאר געקענט האבן נאכאמאל!" פארשטייט זיך אז אין אנהייב וועט עס נישט זיין אזוי ריין. ס'איז נאר דיבורים אבער געוואוין דיך צו צו דעם באגריף. "אוי ווי ווי, רבונו של עולם, געב מיר א בית המקדש ווידער אמאל."

דעריבער איז זייער וויכטיג פאר אונז צו לערנען פון די טעג פון אמאל צו וויסן וואס מיר האבן געהאט אמאל. מיר קוקן צוריק און מיר באדויערן וואס מיר האבן שוין נישט! זָכְרָה יְרוּשָׁלַם יְמֵי עָנְיָהּ וּמְרוּדֶיהָ כֹּל מַחֲמֻדֶיהָ אֲשֶׁר הָיוּ מִימֵי קֶדֶם - ירושלים דערמאנט זיך אין די טעג פון איר פיין און אירע וואגלענישן, אַלע גלוסטיקייטן וואָס זי האָט געהאַט אין די טעג פון אמאל (איכה א, ז).

## אויף וואס קלאגן מיר

אמאליגע צייטן פלעגט זיך דאס גאנצע פאלק צאמקומען יעדעס זיבעטע יאר. הַקְהֵל אֶת־הָעָם הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף - נעם צאם דאס פאלק, מענער, פרויען און קינדער (דברים לא, יב). דער מלך ישראל איז ארויסגעקומען צו ליינען פון ספר תורה שבעזרה, משה רבינו'ס ספר תורה, בשעת יעדער איז געשטאנען אויף די פיס און זיך צוגעהערט, דער גאנצער כלל ישראל, וואספארא געוואלדיגע דעמאנסטראציע פון געטריישאפט צו השי"ת. אויב דו וואלסט דאס געקענט זען פאר בלויז נאר איין מינוט, וואלסטו שוין געווען א נייער מענטש אויף אייביג.

דו קענסט טראכטן ווי אזוי מיר האבן עולה רגל געווען פון אלע דערפלעך און ארץ ישראל. יעדן יום טוב זענען מיר געגאנגען אויף די וועגן, פארבייגייענדיג שטעט פונוואנעט עס האבן ארויסגעשטראמט אלע זייערע איינוואוינער! זיי קומען אלע ארויס און פאראייניגן זיך, און צוזאמען מארשירן מיר קיין ירושלים! און אויף די וועגן זינגען מיר שיר המעלות. מיר זינגען און זינגען ביז מיר דערגרייכן ענדליך ירושלים! מיר זענען געווען אזוי פריילין מיט אונזערע זינגען אז מיר האבן נישט אין אכט גענומען וואס מיר האבן געטון. עֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלָם - אונזערע פיס זענען געשטאנען ביי די טויערן פון ירושלים (תהילים קכב, ב). מיר עפענען די אויגן, "אה, מיר זענען שוין אנגעקומען קיין ירושלים!" אוי, ווי מיר בענקען זיך צו דעם!

## די דעכער טאנצן

און ירושלים איז געווען איבערגעפילט. ס'איז אנגעפילט מיט מיליאנען אידן. יוסיפין האט געלעבט ביים סוף פון חורבן בית שני און ער האט פארצייכנט אז א מינימום פון צוויי מיליאן אידן זענען געווען אין ירושלים אויף פסח. מיליאנען אידן האבן פארפלייצט די גאסן פון ירושלים, און פסח ביינאכט, ווען זיי האבן געגעסן דעם קרבן פסח אויפ'ן גאס, זענען געווען הונדערטער און טויזנטער איוועניעס וואס האבן געבראטן דעם קרבן. איבער דער גאנצע שטאט האט געשמעקט די געבראטענע פלייש.

און ווען זיי האבן געזאגט הלל, איז דאס געווען געוואלדיג. זיי זענען געווען אויפ'ן דאך טאנצענדיג. די גמרא אין פסחים (פה, ב) פארציילט אז פון די קלאנגען פון הלל פסח אויפדערנאכט האבן די דעכער זיך כמעט אונטערגעבראכן. שטעל דיך פאר אזא איבערלעבעניש. פון אלע עקן פון ירושלים שטייען מיר אויף די דעכער וועלכע טאנצן ארויף און אראפ פון דעם הילכיגן הלל! ס'איז געווען אזא באגייסטערונג!

## וויינען פאר דיין מאמע

יעצט קומען מיר צוריק צו אונזער נושא. מען מוז נישט צוריקקוקן אזוי ווייט. קוק צוריק צו די גוטע צייטן ווען דו האסט געהאט א טאטע מיט א מאמע און זיי זענען מער נישט דא

און עס טוט דיר לייד. ווי שטארק האסטו געוואלט ווייזן דיינע עלטערן ווי דאנקבאר דו ביזט.

אויב דו קלאגסט יעצט, אויב דו שפירסט יעצט אן אמת'ע חרטה, וועט השי"ת דאס רעכענען; פאר א געוואלדיגע זכות! יא זוכער! צוריקקוקען העלפט אסאך, דו גייסט צוריק און דו טראכסט, "פארוואס האב איך איר נישט געפאלגט גלייך ווען זי האט מיר עפעס געהייסן?! אויב מיין מאמע וואלט נאך געלעבט וואלט איך געווען איבערגליקליך צו האבן נאך איינמאל דער געוואלדיגער געלעגענהייט! אויב זי וואלט מיר עפעס געבעטען, וואלט איך עס געטון פרייליכערהייט! סאיז נישט בלויז תשובה, אז דו האסט חרטה. ניין, דו בענקסט. סאיז א חשק: "הלוואי איך קען ווייזן פאר מיינע עלטערן ווי דאנקבאר איך בין!"

## די תכלית פון א יארצייט

דאס איז איינע פון די גרויסע בענעפיטן פון א יארצייט. דער יארצייט פאר א טאטע־מאמע איז נישט ארויסגעשריבן אין דער תורה. ס'איז ניטאמאל אין דער גמרא. ס'איז א מנהג פון אונזער פאלק, אבער נישט ווייל ס'איז א מנהג האט עס גארנישט מיט דער תורה. ס'שטייט, וְאַל תָּבוּז כִּי זָקְנָה אִמֶּךָ - זיי נישט מבטל אלטע מנהגים פון דיין פאלק (משלי כג, כב).

דאס קול פון שומרי תורה דאס איז דאס קול פון השי"ת. דערפאר וועלן מיר נאכגיין דעם דרך פון מכבד זיין די נפטרים. זאגן קדיש, אנצינדן ליכט און יארצייט פאר א נפטר זענען מנהגים וואס זענען זייער חשוב ביי אונז.

ס'איז נאר א שאד וואס מ'טוט דאס אן אריינטראכטן. מ'זאל נישט טון די זאכן נאר ווייל מען בענקט זיך צו דער טאטע־מאמע, נאר ווייל מען האט חרטה אז מען האט נישט אויסגענוצט די צייט ווען די עלטערן האבן געלעבט.

דערפאר זאגט די גמרא (קידושין לא, ב) מכבדו בחייו ומכבדו במותו - מען דארף מכבד זיין די עלטערן ווען זיי לעבן און אויך נאכ'ן שטארבן. מכבדו מיינט אז דו זאלסט נישט מכבד זיין דיינע עלטערן ווייל דו ביסט פארבענקט, נאר ווייל דו פארפאסט די געלעגנהייט פון שלימות אין עבודת השם וואס דו קענסט מער נישט מקיים זיין.

יעדע מצוה וואס דו טוסט איז זכות פון דיינע עלטערן ביסטו מתקן וואס דו האסט פארפאסט אין דיינע יונגע יארן ווען דו האסט נישט ערליך מכבד געווען דיינע עלטערן.

## א טויש אין לעבן

מיר קומען צוריק צום פסוק פון עשרת הדברות, כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, אבער דאסמאל מיט א בעסערן פארשטאנד וואס עס מיינט פאר אונזער לעבן. זיך איינגאנצן איבערגעבן פאר די עלטערן איז נאר דאס ערשטע טרעפל אויפ'ן לייטער וואס פירט אונז צו הקדוש ברוך הוא. ס'איז א געלעגנהייט אויסצוארבעטן דעם כאראקטער, צו באקומען די מידה פון הכרת הטוב.

דורך שפירן דאנקבארקייט צו די עלטערן קומט מען צו צו פארשטיין ווער ס'איז עכט דיין טאטע מאמע, הֲלוֹא הוּא אָבִיךָ קָּנֶךָ - דער אויבערשטער איז דיין טאטע וואס האט דיך באשאפן (דברים לב, ו). מיר דארפן זיך פרייען מיט אים, ווייל ער איז דער וואס גיט אונז אלע געברויכן.

# שאלות ותשובות

## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**וויאזוי פראוועט מען חמשה עשר באב?**

### תשובה:

מיר פראוועון דאס, פאר אלעם, מיט'ן זאגן ברוך אתה השם המעריב ערבים - איך דאנק דיר באשעפער פאר די נאכט, ווי וואונדערליך איז צו האבן נאכט-צייט! נאכט-צייט איז גרויסע ברכה; דו דארפסט אפלערנען די נאכט-צייט. די נאכט איז נישט נאר א ליידיגע טאג, ניין! בחכמה פותח שערים ובתבונה משנה עתים - די נאכט-צייט איז געמאכט געווארן מיט קלוגשאפט. הייב צו שטודירן די וואונדער פון די נאכט.

אויפצומארגנס זאלסטו זאגן, ברוך אתה ה' יוצר המאורות. איך דאנק דיר באשעפער פאר דער זון. ביי פרישטאג, זאג בחן בחסד וברחמים - ער שפייזט אונז מיט טעמים און קאלירן מיט אנגענעמע גערוכן, עסן איז באטע'מט! זיי מוחל און דאנק אים משך דער טאג פאר דאס עסן וואס דו עסט.

דאס איז א גוטער וועג צו פראוועון חמשה עשר באב און ששה עשר באב און שבעה עשר באב! יעדן טאג אין אב, אזוי אויך אלע טעג פון אלול.

אין די טעג פון בית המקדש, לא היה ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב- סאיז נישט געווען אזעלכע ימים טובים ביי אידן ווי דער טאג פון חמשה עשר באב. אין יענע טעג איז חמשה עשר באב געפראוועט געווארן מיט די קדושה וואס איז געווען אנוועזענד אין יענע צייט. איך האב נישט יעצט קיין צייט דאס צו מסביר זיין באריכות אבער היינט איז אנדערש. און דעריבער קענען מיר מער נישט פראוועון ווי זיי פלעגן פראוועון אמאליגע צייטן.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן